# ניו יארק סטעיט בליי רענטאל רעגיסטרי (Lead Rental Registry) נעמט אוועק בליי פעינט געפארן פון עלטערע געדינגענע הייזער.



**25 קאמיוניטיס וואס האבן מעגליך פראבלעמען**

די קאמיוניטיס האבן די העכסטע ראטעס פון בליי פארגיפטיגונג אין קינדער און אין עלטערע געדינגענע הייזער.



| | | |
|---|---|---|
| Albany | Kingston | Schenectady |
| Amsterdam | Middletown | Spring Valley |
| Auburn | Mount Vernon | Syracuse |
| Binghamton | New Rochelle | Troy |
| Buffalo | Newburgh | Utica |
| Cheektowaga | Niagara Falls | Watertown |
| Elmira | Poughkeepsie | Yonkers |
| Gloversville | Rochester | |
| Jamestown | Rome | |

די ניו יארק סטעיט בליי רענטאל רעגיסטרי (Lead Rental Registry, LRR: פובליק העלט געזעץ טייל 1377) פארלאנגט פון פראפערטי אייגנטומער (לענדלארדס) צו אונטערזוכן און פאררעכטן בליי געפארן. די LRR געזעץ נעמט אריין 25 קאמיוניטיס אין וואס מען דארף אריינקוקן וואס האבן די העכסטע ראטעס פון בליי פארגיפטיגונג אין קינדער און אין עלטערע געדינגענע יוניטס (זעט מאפע). פראפערטי אייגנטומער (לענדלארדס) וועלכע פארמאגן געביידעס מיט צוויי אדער מער יוניטס געבויט פאר די 1980 יארן מוזן אויספאלגן די געזעץ, אפילו אויב איינע פון די יוניטס געהערן צו די אייגנטומער אדער פאמיליע.

## שיילנדע און טשיפינג בליי פעינט און שטויב אין עלטערע הייזער זענען די עיקר אורזאכן פון בליי פארגיפטיגונג אין קינדער.

בליי פארגיפטיגונג איז געפארפול פאר יעדעם איינעם, ספעציעל פאר יונגע קינדער. עס איז נישט פארהאן קיין שום פארזיכערטע שטאפל פון בליי. איינמאל עס גייט אריין אינעם קערפער, קען בליי פאראורזאכן לעבנס-לענגליכע מח שאדן, פערמענאנטע וואונדן און דיסאביליטיס. שיילנדע און טשיפינג בליי פעינט און שטויב פון הייזער געבויעט פאר די 1980 יארן זענען ווייטער די עיקר אורזאך פון בליי אויסגעשטעלטקייט. די אויסשטעלונגען קענען פארמיטן ווערן.

NEW YORK STATE | Department of Health

health.ny.gov/LeadRentalRegistry

# וויאזוי די בליי רענטאל רעגיסטרי ארבעט

**געדינגענע פראפערטיס אין איינע פון די קאמיוניטיס מוזן ווערן אונטערגעזוכט פאר בליי. פראפערטי אייגנטומער מוזן פאררעכטן, באשטעטיגן און אנהאלטן זייערע רענטאל יוניטס פריי פון בליי געפארן.**








❶ בליי אונטערזוכונגען טוען זוכן פאר אינעוויינינגסטע, דרויסנדיגע און געמיינזאמע ערטער מיט בליי געפארן. ❷ אונטערזוכער נוצן שטויב ווייפ סעמפלינג צו טרעפן בליי-פונקט געפארן. ❸ זיי טוען אויך אידענטיפיצירן ליידיגע ערד-זאמד וואס קענען ענטהאלטן בליי.

## טרעפט עס, פאררעכט עס



טענענטס וועלן מוזן געבן צוטריט פאר פראפערטי אייגנטומער צו באשטעלן בליי אונטערזוכונגען און דורכפירן פאררעכטונגען.

די ארבעט מוז ווערן געטוהן דורך באשטעטיגטע אפשאצער און קאנטראקטער.

בליי געפארן וואס מען געפונט בשעת אונטערזוכונגען מוזן געהעריג פאררעכטן ווערן אונטער אלע סעיט, פעדעראלע און לאקאלע געזעצן. מען וועט אייך מעגליך בעטן צו פארדעקן אדער ארויסנעמען חפצים פון ערטער וואו מען ארבעט צו רעדוצירן די ריזיקע אז בליי זאל זיך פארשפרייטן. פראפערטי אייגנטומער מוזן אויך מעלדן פאר טענענטס וועגן אלע געפינסן און אקטיוויטעטן.

געלטער זענען אוועילעבל פון ניו יארק סטעיט צו העלפן פראפערטי אייגנטומער באצאלן פאר די פאררעכטונגען.

## טענענטס, ווייסט אייערע רעכטן

איר קענט נישט ווערן ארויסגעצווינגען אויב די פראפערטי אייגנטומער פאלגט נישט אויס די פארלאנגען פון די בליי רענטאל רעגיסטרי. אויב די פראפערטי אייגנטומער נעמט שריט קעגן אייך, זאלט איר מעלדן אייער לאקאלע געזונטהייט אפטיילונג און ארייננעבן א באקלאגעניש מיט די ניו יארק סטעיט אטורני דשענעראל האוזינג אפיס (New York State Attorney General Housing Office).

געפונט מער אינפארמאציע ביי health.ny.gov/**LeadRentalRegistry**



NEW YORK STATE | Department of Health